פרשת פקודי ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון צז

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א
באידיש

כי בטחתי א
קמחא דפסחא ה
נקודה למחשבה ח

## כי בטחתי

### כי לא יחדל אביון;

בטחון ווען ס'איז באַשערט די גזירה פון אָרימקייט

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור מ"ב, יום א' תשא י"ב אדר תש"פ

**חלק ב**

א

## עני וטוב לו; אַן אָרימאַן קען אויך לעבן אין גן עדן אויף דער וועלט

### עניות איז צומאָל אַ חלק פון דעם תפקיד

ווען מ'לערנט די סוגיא פון בטחון ביי פּרנסה, דאַרף מען דערמאַנען נאָך אַ פּרט וואָס מ'האָט נאָך כמעט נישט אָנגערירט, און ס'איז וויכטיג דאָס צו אויסשמועסן, ווייל אויב ווייסט מען דאָס נישט, ברענגט דאָס אַז מענטשן זאלן כסדר האָבן קשיות: "איך זעה אַז בטחון אַרבעט נישט"...

ס'איז דאָ אַזאַ מושג אַז אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט אַ מהלך און מיט אַ תפקיד אַז **ער גייט זיין אַן אָרימאַן אַגאַנץ לעבן.** אפילו אויב ער גייט טון כל טצדקי שבעולם, אַריינגערעכנט אויב ער גייט האָבן בטחון, וועט ער אָבער בלייבן אַן אָרימאַן! און **דאָס איז בכלל נישט קיין סתירה מיט דאָס גליקליכקייט** וואָס דער בעל בטחון באַקומט.

### הימלישע חשבונות פאַר'ן תכלית פון דעם מענטש

חז"ל זאָגן דאָס שוין אין דער **משנה** (קידושין פב.): "ויבקש רחמים למי שהעושר והנכסים שלו, שאין עניות מן האומנות ואין עשירות מן האומנות" - דאָס הייסט אַז פּונקט אַזוי ווי עשירות קומט נישט פון קיין אומנות, קען אַמאָל זיין אַז דער מענטש זאל בלייבן אן עני, **אָפּגעזען פון וועלכע אומנות ער איז עוסק.** אפילו אויב ער וועט אַרבעטן גאָר שווער מיט די בעסטע סאָרט פאַך וועט ער פאַרבלייבן אָרעם.

ווען ס'איז נגזר געוואָרן אויף איינעם אַז ער זאָל זיין אַן אָרימאַן מיינט דאָס אודאי נישט אַז ער גייט שטאַרבן פון הונגער. אויב איז אַ מענטש יאָ געשטאָרבן פון הונגער חלילה, איז דאָס געווען זיין באַשטימטע צייט ווען ער האָט שוין סייווי געדאַרפט נפטר ווערן. אָבער בדרך כלל, זאָגט דער חובת הלבבות, **איז דאָ אַ הבטחה פון השי"ת אַז יעדער מענטש וועט האָבן 'טרף מזונו' וויפיל ער דאַרף צום לעבן**, נאר צומאָל איז יאָ דאָ אַ גזירה אַז דער מענטש זאל זיין אן אָרימאַן, וואָס באַדייט אַז ער זאָל לעבן מיט אַ דחקות און מיט אַ שטאַרקע צמצום, וואָס ברענגט אים אַ געוואַלדיגע שוועריגקייט און צער.

דאָס איז אַלעס הימלישע חשבונות, פּונקט אַזויווי די השגחה עליונה לייגט אַריין אַ מענטש צו ווערן געבוירן מיט אַזעלכע סאָרט עלטערן, אָדער מיט אַ געוויסע געזונט צושטאַנד, אָדער מיט אַלע אַנדערע סאָרט נסיונות. דאָס זעלבע זענען פאַרהאַן מענטשן וואָס **ווען זיי זענען געקומען אויף דער וועלט האָט מען זיי מיטגעגעבן דעם נסיון העוני.** טראָצדעם וואָס ער איז אַן ערליכער איד מיט אַסאַך בטחון וועט ער זיין אַן אָרימאַן. **אָפּגעזען וואָס דער מענטש וועט אַלץ טון, וועט ער נישט מצליח זיין דאָס צו טוישן**, ווייל דאָס איז זיין תפקיד וואָס דער רבוש"ע האָט אים געגעבן אויף דער וועלט.

### דער אָרימאַן וואָס איז אַרומגענומען מיט הצלחה

וואָס וועט אַצינד פּאַסירן ווען אַזאַ מענטש וועט ווערן אַ בעל בטחון?! אויב ס'איז נגזר געוואָרן אויף אים עניות, גייט זיך דאָס נישט טוישן, אָבער **אַדאַנק זיין בטחון גייט ער לעבן אין אַ 'גן עדן' אויף דער וועלט!**

דער אָרימאַן וואָס איז אַ בעל בטחון וועט מקבל זיין דעם רצון ה' באהבה און ער וועט זיך נישט קריגן מיט זיין אָרימקייט, וואָס **אָט די קריגעריי דערווייטערט אים פון השי"ת און ס'מאַכט אים אָן צרות אויף יעדע טריט און שריט.** השי"ת וועט אים העלפן מיט הצלחה ביי אַלע ענינים. ווייל אַז ער איז מקבל דעם מצב באהבה, וועט ער נישט האָבן קיין אַנדערע צרות.

### אַ גליקליך לעבן טראָץ די אָרימקייט

מ'זעט עס אַסאַך מאָל ביי אידן וואָס זענען טאַקע עניים, אָבער **ביי אַלע אַרומיגע זאַכן האָבן זיי באַקומען עפּעס אַ ספּעציעלע ברכה.** ער האָט אַ לעבן פון גן עדן! אַמאָל איז דאָס אַ געוואַלדיגע הצלחה מיט גוטע קינדער, אַמאָל איז דאָס אַ באַזונדערע חן, אַמאָל איז דאָס אַנדערע זאַכן וואָס מאַכט אַז ער זאָל האָבן אַ געשמאַקע לעבן, טראָצדעם וואָס ער האָט באַקומען פון הימל דעם נסיון פון אָרימקייט.

היות ער האָט זיך נישט געקריגט מיט דאָס עניות **האָט ער זיך נישט אָפּגעריסן פונעם**



נתנדב לזכות רפואה שלמה
מרן ר' ישראל בן לאה אסתר אדמו"ר מ'וויזניץ

אויבערשטן. ער איז נישט געוואָרן צעקריגט...
און אַז **ער איז געבליבן דבוק צום מקור השפע זעט מען טאַקע בחוש ווי די שפע באַגיסט אים.** ער האָט אַזויפיל סייעתא דשמיא אין אַלע אַנדערע ענינים, הגם ער האָט דעם נסיון פון אָרימקייט.

### דער איד האָט אַ חיים טובים

עס זענען דאָך געווען אַזויפיל צדיקים וואָס זענען געווען עניים ואביונים, ווייל דאָס איז געווען זייער שליחות אויף דער וועלט, **אָבער ביי אַלע אַנדערע ענינים האָבן זיי געהאַט אַזאַ הצלחה און סייעתא דשמיא.** זיי האָבן באַקומען דעם שכר פון בטחון בעולם הזה!

די סיבה פאַרוואָס מענטשן פאַרשטייען דאָס נישט איז, ווייל מיר זענען אַזוי פאַרדרייט כאילו 'אַלעס איז געלט', און דעריבער זעט מען נישט דאָס גאַנצע בילד, און מ'פרעגט קשיות: "אָבער יענער איז אַ בעל בטחון און ער האָט נישט קיין געלט"... בשעת **די קשיא האָט זיך בכלל נישט אָנגעהויבן**. אַז מ'קוקט אויף'ן גאַנצן בילד זעט מען קלאָר אַז דער מענטש קען טאַקע זיין אַן אָרימאַן, אָבער **למעשה לעבט ער אַ חיים טובים אַדאַנק זיין בטחון**, עד כדי כך אַז פון גרויס צופרידנהייט און גליקליכקייט שפירט ער ניטאַמאָל זיין אָרימקייט!

### די אָרימקייט שטערט אים גאָרנישט

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס דער בעל בטחון איז אַזוי רואיג און גליקליך, אפילו ס'איז אים באַשערט דער נסיון העוני, איז ווייל די אָרימקייט וועט אים בכלל נישט באַדערן. **אויב וועט ער זיך אויסאַרבעטן מיט בטחון, וועט די אָרימקייט נישט זיין ביי אים קיין נושא.**

דער אָרימער בעל בטחון האָט טאַקע אַ קליינע הויז, ער האָט נישט קיין שיינע טיילס אין זיין קאָך, ער מאַכט חתונה אויף גאָר אַ שוואַכע סטאַנדאַרט, אָבער דער מענטש ווייסט אַז "דאָס איז מיין תפקיד, צו האָבן אַזאַ סאָרט לעבן". **ער וועט נישט צעבראָכן דערפון, ער איז מלא שמחה.** און פון אַלע אַרומיגע זאַכן האָט ער טאַקע אַ שפע מיט אַ הצלחה וואָס מ'זעט קלאָר.

**אידן וואס זענען טאַקע עניים, אָבער ביי אַלע אַרומיגע זאַכן האָבן זיי באַקומען עפּעס אַ ספּעציעלע ברכה**

### די צוויי-פּאַכיגע פאַרלוסט פון נישט האָבן קיין בטחון

אָבער לאידך גיסא, איז ממש פונקט פאַרקערט ביי איינער וואָס איז נישט קיין בעל בטחון, **אָדער איינער וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז בטחון מוז אים מאַכן רייך**, כאילו אַז בטחון מיינט אַז מען באַקומט געלט, און ווילאַנג ער באַקומט נישט זיין עשירות גייט ער אין מלחמה דאָס צו באַקומען: "איך וויל נישט הערן קיין מעשיות, איך וויל האָבן עשירות"...

אַזאַ איינער פאַרלירט צוויי מאָל. ערשטנס, ווייל ס'וועט ביי אים נתקיים ווערן דער פסוק 'תוחלת ממושכה מחלה לב', ווייל אַגאַנצן צייט שטרעבט ער אויף **אַ זאַך וואָס ער גייט נישט באַקומען**. דאָס מציאות איז דאָך אַז אויב ס'איז דיר באַשערט דעם נסיון העוני' וועט דיר גאָרנישט העלפן, פאַרגעס דערפון, גייסט עס נישט האָבן! אָבער **ער אַרבעט ווייטער אויף אַ זאַך וואָס גייט אים נישט אָנקומען, און אודאי ווערט ער צעבראָכן און אַנטוישט.** דאָס איז די גרעסטע ווייטאָג פאַר'ן מענטש.

ובנוסף לזה האָט ער פאַרלוירן, ווייל אויף'ן וועג האָט ער זיך שוין אויך צעקריגט כביכול מיט'ן רבוש"ע. **ער דרייט זיך אַרום מלא טענות אויף'ן אויבערשטן**, ווען ער דאַוונט איז ער אַביסל ברוגז אַז נעכטן האָב איך דאָך געמאַכט די סגולה און ס'האָט נישט געהאָלפן... און וויבאַלד ער האָט זיך צעקריגט מיט'ן אויבערשטן **הייבן אָן זאַכן צו גיין קרום**. ס'הייבט זיך אָן נאָך פּראָבלעמען, ווייל אַז מ'האָט טענות בלב דעמאָלט ווערט מען חלילה אָפּגעריסן פון דעם מקור השפע, דער רבוש"ע אַליין.

### אפילו תפלה טאָר נישט זיין אויף אַן אופן פון מלחמה

עד היכן הדברים מגיעים זעט מען פון דער **גמרא** (ברכות סא, א): **לעולם יהיו דבריו של אדם מועטין לפני הקדוש ברוך הוא.** און דער **מהרש"א** איז דאָרט מפרש אַז ווען מען געפינט זיך אין אַ צרה זאָל מען מצמצם זיין פון דאַווענען! מען זאָל נישט דאַווענען אַזוי שטאַרק, ווייל צומאָל פּרובירט דער מענטש צו טוישן דעם מצב דורך אַסאַך תפלה, אָבער **אפשר דאַרף ער בלייבן מיט דעם מצב פון עניות**, און ווען ער גייט זען אַז די תפלה האָט נישט געטוישט וועט ער שפּירן אַ טינא בלב און ער קען ח"ו מהרהר זיין נגד מדותיו של הקב"ה. **מ'דאַרף זיך אַלעמאָל בודק זיין אויב מ'פירט נישט קיין מלחמה מיט'ן רבוש"ע!** מ'דאַרף גוט אַריינטראַכטן אויב מען איז חלילה ברוגז ווייל מ'וויל עפּעס זייער שטאַרק באַקומען, טראָצדעם וואָס ס'איז קעגן דעם גזירת ה'.

איי, וועט אַ מענטש פרעגן: וויאַזוי קען איך וויסן אויב ס'איז מיר באַשערט צו זיין אַן אָרימאַן אָדער אויב איך דאַרף יאָ האָבן געלט?! איז די תשובה אַז **ס'איז נישט אַזוי נוגע!** מ'דאַרף בכלל נישט זיין פאַרנומען מיט דער שאלה. דער חובת הלבבות זאָגט אונז: **זוך נישט צו באַקומען אַ זאַך וואָס ליגט נישט אין דיין הענט.** עניות מיט עשירות איז סייווי נישט בידך. ענדערש קלויב אויס אַן 'אומנות קלה ונקיה' און דער רבוש"ע וועט דיך שוין פירן אויפ'ן גוטן ריכטונג מיט הצלחה. **אַ איד דאַרף בלויז זיין אַן אמת'דיגער נכנע פאַר'ן אויבערשטן**, און ער זאָל אַגאַנצן צייט קוקן אויב ער פירט זיך אויסגעהאַלטן מיט בטחון. דעמאָלט וועט ער זען וויאַזוי זאַכן הייבן אָן צו קלאַפּן בעזה"ה.

ב

## כי יהיה בך אביון; ווען ס'איז באַשערט עניות קען מען זיך נישט אַרויסדרייען דערפון

### אַ מעשה מיט'ן ראַ"ש און דער בעל הטורים

בשייכות מיט דעם ענין, איז דאָ אַ מקובל'דיגע מעשה וואָס איז געווען מיט'ן הייליגן **ראַ"ש**, מגדולי רבותינו הראשונים, און זיין זון, **רבינו יעקב בעל הטורים**. דער ראַ"ש איז געווען אַ בעל פרנסה. אָבער זיין זון, דער טור, איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן.

(אַזוי שרייבט טאַקע דער הייליגער טור אַליין, אין **או"ח סימן רמ"ב**, אַז ער האָט אַסאַך מאָל געהאַט די שאלה אויב ער דאַרף באָרגן געלט כדי צו קויפן עסן אויף שבת: "וכמה פעמים נשאתי ונתתי בדבר לפני אדוני אבי ז"ל, כמוני היום שיש לי מעט משלי ואינו מספיק לי, וצריך אני לאחרים, אם אני בכלל עשה שבתך חול אם לאו, ולא השיבני דבר ברור".)

ווען מענטשן זענען געקומען מיט טענות

צום ראַ״ש פאַרוואָס ער העלפט נישט זיין זון מיט געלט אים צו שטעלן אויף די פיס, האָט זיי דער ראַ״ש געזאָגט אַז **אפילו אויב זיין זון וואָלט געהאַט אַ גוטע פרנסה וואָלט עס אים גאָרנישט געהאָלפן, ער וואָלט געבליבן אַן אָרימאַן.** אָבער מענטשן האָבן ווייטער געמוטשעט און נישט געוואָלט אַקצעפטירן דעם תירוץ, האָט זיי דער ראַ״ש געזאָגט: ״לאָמיר אייך ווייזן אַז דאָס איז דער מציאות״.

### אַנגעגרייט אַ בייטל געלט אויף די טרעפּ

דער ראַ״ש האָט געוואוסט אַז זיין זון, דער בעל הטורים, וועט נישט נעמען קיין געלט פון אים, ווייל ער האָט מקיים געווען דעם 'שונא מתנות יחיה' מיט אַ שלימות. ער האָט נישט געוואָלט נעמען מתנות וואוסנדיג אַז דאָס איז זיין תפקיד, צו לערנען תורה מתוך הדחק. דעריבער האָט דער ראַ״ש גענומען אַ בייטל מיט געלט און ער האָט עס אַראָפּגעלייגט אויף די טרעפּ נעבן זיין הויז, און ער האָט געשיקט אַ שליח צום טור אַז ער זאָל קומען צו אים אין שטוב, מיט'ן חשבון אַז גייענדיג אויף די טרעפּ וועט ער זיך אָנשטויסן אין דעם פעקל געלט, און ער וועט עס קענען רואיג נעמען, ווייל ס'איז דאָך אַ מציאה וואָס מ'האָט אים מזמין געווען פון הימל, נישט קיין מתנה.

למעשה, ווען דער טור איז אָנגעקומען צו זיין פאָטער, האָט אים דער ראַ״ש געפרעגט אויב ער האָט עפּעס געטראָפן אויפ'ן וועג, און דער טור האָט געזאָגט אַז ער האָט גאָרנישט געזען. פרעגט אים דער ראַ״ש: **איך האָב דאָך עפּעס אַראָפּגעלייגט אויף די טרעפּ!** וויאַזוי קען זיין אַז דו האָסט דאָס נישט געזען?!

### שפּאַצירט מיט פאַרמאַכטע אויגן...

האָט דער טור דערציילט: ווען איך האָב געהערט אַז מיין פאָטער האָט מיר גערופן האָב איך געטראַכט צו זיך איבער דעם גרויסן זכות פון מקיים זיין די מצוות עשה דאורייתא פון כיבוד אב, און ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: וואָס וועל איך טון אויב כ'וועל ח״ו פאַרלירן דעם כח הראי', וויאַזוי וועל איך קענען קומען צו מיין טאַטן און אים מכבד זיין?! **דעריבער האָב איך זיך צוגעמאַכט די אויגן, און אַזוי האָב איך שפּאַצירט מיט פאַרמאַכטע אויגן**, כדי זיך צו מרגיל זיין אַז כ'זאָל קענען גיין דעם וועג, אויך אָן קיין חוש הראי'...

## ווען ער דאַווענט איז ער אַביסל ברוגז אַז נעכטן האָב איך דאָך געמאַכט די סגולה און ס'האָט נישט געהאָלפן...

דעמאָלט האָט דער ראַ״ש געזאָגט פאַר די אַרומיגע: ״זעהט איר שוין, אַז **דאָס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט**. ער איז אַראָפּגעקומען דאָ צו זיין אַן עני און גאָרנישט קען דאָס נישט טוישן״.

### אַז דער בוכ״ע וויל נישט, איז נישט

אן ענליכע מעשה ווערט דערציילט, אַז צום הייליגן **שר שלום מבעלזא** זי״ע איז אַמאָל אַריינגעקומען אַן אָרימאַן וואָס איז געווען אָנגעטון מיט צעריסענע בגדים, און מ'האָט געזען אויף אים אַז ער איז אַ געוואַלדיגער עני ואביון. ווען דער אָרימאַן איז אַרויסגעגאַנגען האָט דער בעלזער רב זיך אויפגעשטעלט און אים אַרויסבאַגלייט ביז אינדרויסן. דאָס איז פאַר אַלעמען געווען אַ גרויסער חידוש, ווייל דאָס איז געווען אַ זאַך וואָס דער בעלזער רב האָט פאַר קיינעם נישט געטון.

דאָרט איז געשטאַנען זיין זון, הרה״ק רבי **יהושע** זי״ע, דער מיטעלער בעלזער רב, וואָס האָט זיך אויך זייער געוואונדערט, אָבער ער האָט גאָרנישט געפרעגט. שפּעטער האָט אים דער שר שלום געזאָגט: ״זיכער וואונדערסטו זיך פאַרוואָס איך האָב אַרויסבאַגלייט דעם אָרימאַן מיט אַזאַ כבוד, זאָלסטו וויסן אַז דער איד איז אַ בקי אין כל התורה כולה, בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא, מדרשים, זוהר, און אַלע ספרי יראים. ער וואָלט געקענט זיין אַ רב אין די גרעסטע קהלות, אַזוויי לעמבערג און קראָקא, אָבער למעשה איז ער אַ חוזר על הפתחים, **ווייל אַז דער בורא כל עולמים וויל נישט, איז נישט**.

און דער שר שלום האָט ממשיך געווען: ״יאָ רב, נישט רב, אָבער פונדעסטוועגן, וואָלט ער דאָך כאָטש געקענט זיין אַ דיין אין אַ גרויסע קהלה. נאר מען מוז ווייטער צוקומען צום זעלבן תירוץ: **אַז דער בורא כל עולמים וויל נישט, איז נישט**״.

זאָגט דער בעלזער רב ווייטער: ״אויב נישט קיין דיין אין אַ קהלה, וואָלט ער כאָטש געקענט זיין אַ מגיד אין אַ אידישע שטאָט, **אָבער אַז דער בוכ״ע וויל נישט, איז נישט**.״

און דער בעלזער רב האָט אויסגעפירט: ״אויב נישט קיין מגיד, וואָלט ער כאָטש געקענט זיין אַ מלמד ערגעץ, און כאָטש נישט קיין מחזיר על הפתחים, **אָבער אַז דער בוכ״ע וויל נישט, איז נישט**״.

יאָרן שפּעטער, ווען דער מיטעלער בעלזער רב האָט דערציילט די מעשה האָט ער צוגעלייגט: ס'איז מיר אַלעמאָל שווער געווען אַ קשיא. מיין טאַטע, דער הייליגער שר שלום, האָט דאָך דערויסגעהאַלטן אַסאַך 'יושבים', אידן תלמידי חכמים וואָס האָבן געלערנט ביי אים אין בית המדרש, און ער האָט דאָך יאָ געוואוסט דאָס גרויסקייט פון יענעם אָרימאַן, פאַרוואָס האָט ער אים געלאָזט אַרומגיין נאָך געלט, ער וואָלט אים געקענט מייעץ זיין צו בלייבן אַלס אַ יושב אין בעלז וואו מ'זאָל אים אויסהאַלטן מיט אַלע זיינע צרכים?! נאר מוז מען זאָגן, אַז **אויב דער בורא כל עולמים וויל נישט, איז דאָס אויך נישט!**

ג

## העושה לי כל צרכי; די עיקר שוועריגקייט פון עניות איז ווען מ'איז לוחם דערקעגן

### אָרימקייט איז נישט עק וועלט

דאָס איז אַ געוואַלדיגע יסוד וואָס מען מוז געדענקן, ווייל אויב נישט, באַקומט מען קשיות אויף דעם גאַנצן ענין פון בטחון: ״אָבער יענער איז דאָך יאָ אַן אָרימאַן?! וויאַזוי קען זיין?!״...

מ'דאַרף דעריבער געדענקן אַז, **זיין אַן אָרימאַן' איז נישט עק וועלט!** אָרימקייט איז אַ געוויסע סאָרט נסיון פונקט ווי אַלע אַנדערע נסיונות. און די סיבה פאַרוואָס מענטשן זענען יאָ אַזוי דערשראָקן דערפון איז **ווייל זיי האָבן געזען אָרימעלייט וועלכע האָבן צוגעלייגט צו זייער אָרימקייט אַ גאַנצע פעקל מיט פּראָבלעמען**, צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך געדינגען מיט זייער גורל און זיי האָבן נישט מקבל געווען באהבה זייער תפקיד.

די עצם זאַך פון זיין אַן אָרימאַן האָט טאַקע אין זיך אַ גרויסע שוועריגקייט, מ'דאַרף לעבן בצמצום און נאָך פאַרשידענע

אומאַנגענעמליכקייטן, אָבער **מענטשן וואָס קריגן זיך מיט די גזירה פון השי״ת מאַכן דאָס אַסאַך ערגער**, ווייל זיי האָבן צוגעלייגט צו די אָרימקייט אַזויפיל אַנדערע זאַכן; אָדער האָבן זיי זיך אַריינגעלייגט אין ריזיגע חובות ווייל זיי האָבן נישט מסכים געווען צו לעבן בעניות; אָדער האָבן זיי באַקומען אַנדערע צרות אַדאַנק דעם וואָס זיי האָבן פאַרלוירן זייער נאָענטקייט מיט'ן אויבערשטן און זיי זענען געוואָרן כאילו ברוגז אויף אים, חלילה.

### אַ נסיון ווי אַלע נסיונות

דאָס איז פונקט ווי אַ מענטש זעט אַז דער אויבערשטער האָט אים געשיקט אַ מתנה משמים, אַ נסיון אַז ס'איז אים געבוירן אַ קינד וואָס האָט ל״ע אַ געזונט פּראָבלעם. **ווייסט דער מענטש אַז מ'קען דאָס נישט טוישן, דאָס קינד איז דאך געבוירן מיט דעם נסיון**, און די עלטערן קענען ווייטער האָבן אַ זיס לעבן, אויב זיי וועלן זיך מחזק זיין מיט אַ שטאַרקע אמונה.

דאָס זעלבע איז מיט אַ איד וואָס איז אַ נכנע, ער זאָגט אַזוי: איך ווייס איין זאַך, **אויב איך וועל זיין מחובר מיט'ן אויבערשטן וועט מיר זיין גוט!** און נישט די פשוט'ע 'טוב' וואָס איך מיין אַז דאָס איז גוט, נאָר ס'וועט מיר זיין אַסאַך בעסער מיט אַ טוב וואָס כ'קען זיך ניטאָמאָל פאַרשטעלן; **אָבער בתנאי אַז כ'וועל זיין מחובר צום אויבערשטן**, ווייל דער רבוש״ע איז דאָך אַ טוב ומטיב און ער וויל אַז ס'זאָל זיין גוט פאַר'ן מענטש נישט בלויז אויף יענער וועלט, נאָר אויך אויף דער וועלט!

אַזאַ מענטש ווייסט אַז ער דאַרף טון וואָס עס פאַרלאַנגט זיך פון אים כדרך העולם. ער נעמט אַ פּרנסה קלה ונקיה, ער פאַרפּאַטשקעט נישט קיין צייט ביי דער אַרבעט, אָבער ער אַנטלויפט נישט פון זיין מצב דורך זיך אָנשטרענגען מיט שווערע פּרנסות, ער מאַכט נישט קיין געפאַרפולע אינוועסטמענטס און **ער פּרובירט נישט זיך צו קריגן מיט די גזירת ה'**, ווייל ער ווייסט אַז ס'קען נישט זיין אַז דאָס זאָל מיך ברענגען עפּעס הצלחה.

### דורך אמונה דערהערט מען ״וואָס איז מיין תפקיד און שליחות״

דאָס איז אויך פשט אין דעם מאמר **חז״ל** (ברכות ה, א) 'הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו' - ווען אַ מענטש זעט אַז ער איז אַן אָרימאַן, זאָל ער מפשפש זיין במעשיו, **צו ער איז פאַרנומען זיך קריגן מיט'ן מצב און ער זוכט שווערע סאָרט פּרנסות**, אָדער ער איז מחובר צום אויבערשטן און ער איז מקבל זיין מצב באהבה.

און ווען אַ מענטש וועט לעבן אַזוי, מיט אַ נאָענטקייט צום רבוש״ע, **וועט ער במשך הזמן באַקומען די קלאָרקייט, צו ווייסן אויב ער איז פון די מענטשן וואָס איז פאַר זיי באַשערט אָרימקייט**. פונקט ווי ביי אַנדערע זאַכן האָט דער מענטש אַ קלאָרקייט אַז פון הימל האָט מען אים געשיקט דעם נסיון ווייל דאָס דאַרף איך מתקן זיין; דאָס איז מיין ענין; ס'איז אַ געבוירענע זאַך, נישט צוליב אַ חטא וואָס כ'האָב געטון, נאָר דאָס איז מיין תפקיד און מיין שליחות אויף דער וועלט!

## דער בעל בטחון וואָס ס'איז אים באַשערט צו זײַן אַן עני, וועט הונדערט פּראָצענט שפּירן דעם 'הבוטח בה' חסד יסובבנו'

די קלאָרסטע וועג וואָס אַ מענטש קען גיין איז, ווען מ'פאָלגט דעם חובת הלבבות וואָס זאָגט אונז אַז **מ'זאָל אויסקלויבן אַ 'אומנות קלה ונקיה'** וואָס לאָזט איבער גענוג צייט און פּלאַץ פאַר'ן הארץ און פאַר עבודת ה'. און ווען אַ מענטש וועט זיך מחזק זיין מיט בטחון, ער וועט בעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל אים פירן אויפ'ן גלייכן וועג, און ער וועט נישט לויפן צו עצות ותחבולות, **וועט ער צוביסלעך אָנהויבן זען זייער קלאָר וואָס איז זיין תפקיד.** ער וועט וויסן אויב ער דאַרף יעצט מער משקיע זיין אין אַנדערע סאָרט פּרנסות און השתדלות כדי צו באַקומען מער פּרנסה, אָדער דאַרף ער יעצט זיך מער מחזק זיין מיט בטחון בהשי״ת כדי צו באַקומען מער פּרנסה, אָדער וועט אים גאָרנישט העלפן און **זיין תפקיד איז טאַקע צו בלייבן אַן אָרימאַן** און דאָס מקבל זיין באהבה מיט אַ שמחה.

### חסד יסובבנו - צוזאַמען מיט'ן אָרימקייט

דאָס איז אַלזאָ איינס פון די סיבות פאַרוואָס מ'קען נישט האָבן קיין קשיות ווען מ'זעט מענטשן וואָס זענען בעלי בטחון און לעבן אין אָרימקייט, **ווייל מ'קען קיינמאָל נישט וויסן דעם גאַנצן חשבון.**

דער חובת הלבבות לייגט אַראָפּ אַ יסוד: זאָלסט וויסן אַז 'אין עניות מן האומנות ואין עשירות מן האומנות', **ס'קען זיין אַז דער מענטש איז יאָ אַ בעל בטחון אָבער ס'איז נגזר געוואָרן אויף אים אַז פאַר זיין עבודת ה' דאַרף ער זיין אַן עני.** ווען ער זאָגט 'העושה לי כל צרכי' איז דאָס טייטש אַז דער רבוש״ע שטעלט צו הונדערט פּראָצענט וואָס דו דאַרפסט, **אויב ער דאַרף האָבן עניות פאַר זיין שורש נשמה איז דאָס זיין שלימות און זיין צורך**, ער דאַנקט יעדן טאָג אויף זיין אָרימקייט וואָס ער האָט באַקומען און ער פרעגט נישט קיין קשיות.

און דאָס מציאות איז, אַז דער בעל בטחון וואָס ס'איז אים באַשערט צו זיין אַן עני, **וועט הונדערט פּראָצענט שפּירן דעם 'הבוטח בה' חסד יסובבנו' - ער וועט זען אַז אַלעס אַרום קלאַפּט מיט אַזאַ הצלחה!** ער וועט זען וויאַזוי די נסיון העוני אַליין מאַכט אים נישט 'אויס מענטש', ער וועט שפּירן וויפיל סייעתא דשמיא עס באַגלייט אים, ער וועט מיטלעבן אָפּענע זאַכן פון השגחה און חסד וואָס השי״ת באַגיסט אים אין אַלע זיינע ענינים.

### אויב גאָרנישט אַרבעט נישט - דאַרף מען פאַררעכטן דעם שורש

אָבער אויב דער מענטש טרעפט זיך אין אַ פאַרקערטע מצב, אַז בנוסף צו זיין אָרימקייט גייט אים אַלעס קאַפּויער און אַלעס ווערט פאַרהאַקט, דעמאָלט **איז דאָס געוועינליך אַ סימן אַז ער האָט אָפּגעריסן זיין קשר מיט'ן רבוש״ע.** די ערשטע זאַך דאַרפסטו זוכן וויאַזוי דו קענסט זיך צוריק מחבר זיין מיט'ן אויבערשטן.

דאָס איז אַזוויו איינער זעט אַז איינס פון די עלעקטראָנישע כלים אין שטוב אַרבעט נישט, און נאָכדעם זעט ער אַז אויך די אַנדערע עלעקטראָנישע כלים אַרבעטן נישט, און אויך איז טונקל געוואָרן אין שטוב ווייל די לעקטער האָט זיך פאַרלאָשן, **דעמאָלט פאַרשטייט ער אַז מ'דאַרף גיין צום מקור, די פיוז האָט געקראַכט און מ'דאַרף דאָס צוריק אָנצינדן.**

ס'איז מעגליך אַז ס'איז באַשערט פאַר דעם מענטש צו לעבן מיט דעם אין נסיון פון אָרימקייט, אָבער אויב גאָרנישט אַרבעט נישט, אויב דער מענטש דרייט זיך אַרום פאַרביטערט, **איז דאָס בדרך כלל אַן אָנדייטונג אַז מ'דאַרף דאָ אַרבעטן אויף בטחון**, מ'דאַרף אָנצינדן דעם פיוז און דעמאָלט וועט אַלעס ליכטיג ווערן.

תמצית היוצא לנו: אַלעמאָל דאַרף אַ איד לעבן מיט דעם געפיל פון הכנעה אַז: **איך קען נישט דעם גאַנצן בילד.** די איינציגע זאַך וואָס איך דאַרף טון איז: **זיך אַרויפוואַרפן אויפ'ן אויבערשטן אַז ער וועט מיך העלפן אין יעדן מצב!** אַ איד דאַרף אָנקומען צו אַ מצב אַז ס'איז אים בכלל נישט נוגע צי ער האָט דעם מזל פון עניות אָדער עשירות, נאָר ער איז רואיג ווייל ער איז אין די הענט פון דעם רבוש״ע. תן לחכם ויחכם עוד.

א

# יכול מראש חודש; מעות חטים גרייט אָן אונזער נשמה צו באַקומען די ליכטיגקייט פון פסח

## ווי קומט אַריין מעות חטים אָנהויב הלכות פסח?!

דער **מחבר** הייבט אָן הלכות פסח (סימן תכ"ט): "שואלין בהלכות פסח קודם לפסח שלשים יום". זאָגט דער **רמ"א**: "ומנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך פסח".

איז דאָ אַ הייליג וואָרט פון הרה"ק רבי **שמואל קאַמינקער** זי"ע, אַז געוויינליך איז דער רמ"א מוסיף אָדער מגיה צו די ווערטער פונעם מחבר, אָבער **דאָ רעדט לכאורה דער רמ"א פון אַן אַנדערע זאַך**. דער מחבר זאָגט אַז מ'דאַרף לערנען די הלכות, זאָגט דער רמ"א אַז מ'זאָל געבן צדקה פאַר די עניים לצורך פסח, וואָס איז די שייכות?!

## מעות חטים איז די עצה צו קענען נזהר זיין פון אַ משהו חמץ

נאר, האָט רבי שמואל קאַמינקער געזאָגט, אַז ווען אַ איד עפנט דעם שלחן ערוך און ער זעט וויפיל דינים און פרטי דינים ס'איז דאָ ביי די הלכות פון פסח, כאַפּט אים אָן אַ שרעק: **אַזויפיל הלכות און אַזויפיל סעיף קטן'ס! ווי קען מען נזהר זיין?!** מ'דאַרף דאָך האָבן אַזאַ סייעתא דשמיא נישט צו נכשל ווערן! די תורה איז דאָך אַזוי מחמיר אין די הלכות פון חמץ!

דערפאַר קומט דער רמ"א און זאָגט אַן עצה דערויף: דו ווילסט קענען מקיים זיין אַלע הלכות פסח?! **ווילסט זוכה זיין צו ווערן אָפּגעהיטן פון אַ משהו חמץ?! זאָלסט געבן מעות חטים!** אויב מען גיט פאַר די עניים און מען איז עוסק אין די מצוה פון צדקה, איז **מען זוכה צו אַ שמירה עליונה** אַז מ'זאָל נישט נכשל ווערן אין דעם יום טוב פסח.

אַסאַך צדיקים האָבן גערעדט וועגן דעם ענין, אַז **איינס פון די וועגן וויאַזוי אַ איד גרייט זיך צו פסח איז דורך אינזין האָבן אַנדערע אידן**, דורך עוסק זיין בצדקה, אָדער צו אַליין געבן צדקה, אָדער צו באַאַרבעטן אַנדערע זאָלן געבן צדקה. **דאָס איז אַ ספּעציעלע שמירה אַז אַ איד זאָל טאַקע קענען נזהר זיין פון אַ משהו חמץ**, און אַז ער זאָל קענען באַקומען די אורות וואָס שיינט אַריין פסח זיך צו געניצליך באַנייען.

## דער זכות הצדקה ראַטעוועט זיכער פון אַ מכשול

אַמאָל איז אַ חסיד אַריינגעקומען אינמיטן פסח צו הרה"ק רבי שמואל קאַמינקער זי"ע, זייענדיג אינגאַנצן צעטראָגן, און ער האָט דערציילט אַז **ער האָט געטראָפן אַ קערנדל פון אַ ווייצל אין דעם פאַס וואַסער** וואָס ער האָט צוגעגרייט אויף פסח. דער צדיק האָט אים אָבער באַרואיגט און געזאָגט אַז ס'איז נישט קיין חמץ.

שפּעטער איז דער חסיד צוריק אַהיימגעגאַנגען און נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם פאַס און ער האָט געזען אַז דאָס איז יאָ אַ קערנדל ווייץ, האָט ער דאָס גענומען און געטראָגן צו רבי'ן. אָבער רבי שמואל קאַמינקער איז נישט נתפּעל געוואָרן, ער האָט עס גענומען אין דער האַנט און אָנגעהויבן קוועטשן, ביז מ'האָט קלאָר געזען אַז ס'איז בלויז אַ סאָרט גראָזעלע, ס'איז לגמרי נישט קיין ווייצל.

ווען רבי שמואל קאַמינקער האָט געזען אַז דער חסיד וואונדערט זיך, האָט ער אים געזאָגט: ס'איז נישט קיין מופת און ס'איז נישט קיין רוח הקודש, כ'האָב געוואוסט אַז ס'קען נישט זיין אַז דו זאָלסט נכשל ווערן מיט אַן איסור חמץ, **ווייל בעפאָר יום טוב, ווען איך האָב צאַמגענומען די מעות חטים, האָסטו מיר געגעבן אַ שיינעם סכום צדקה**. דערפאַר בין איך געווען פאַרזיכערט אַז



דער זכות פון העלפן אַנדערע אידן פראַוון דעם פסח וועט דיך זיכער מגין זיין פון אַ מכשול חמץ אום פסח.

## צדקה העלפט פאַר יעדע סאָרט עבודת ה'

אָט דער יסוד, אַז ווען אַ איד טוט צדקה ראַטעוועט אים דאָס פון מכשולות און פון דעם יצר הרע, אַרבעט אַלעמאָל ביי יעדע מצוה און ביי יעדע סאָרט עבודת ה'. אַ מענטש דאַרף פאַרשטיין אַז **באופן כללי האָט די מצוה פון צדקה אַ ספּעציעלע געוואַלדיגע כח צו העלפן דעם איד, אַז ער זאָל קענען מקיים זיין דעם רצון ה'**, סיי לגבי סור מרע און סיי לגבי עשה טוב.

צדקה העלפט פאַר עבודת ה' אויף גאָר אַ שטאַרקן אופן, ס'איז מער ווי אַ שטיקל סייעתא, און ס'איז מער ווי עפּעס אַ זכות, ס'איז אַסאַך שטאַרקער דערפון! צדיקים האָבן אונז מגלה געווען אַז צדקה העלפט און בויעט דעם מענטש, **ס'ברענגט אים אַן אויסטערלישע סייעתא דשמיא אין זיין תורה, אין זיין תפלה, און אין זייגע מצוות**, אַז ער זאָל צוקומען וואו ער דאַרף אָנקומען. און אויב ער איז נישט עוסק אין מצוות צדקה פעלט אים פון אָט די ספּעציעלע סייעתא דשמיא.

## החודש הזה לכם; מיר ווערן באַנייט

אויב איז דאָס גילטיג באופן כללי, ביי אַלע מצוות, **איז עס זיכער אַזוי ווען ס'קומט צו דעם יום טוב פון פסח**, וואָס די גאַנצע עבודה פון דעם חודש ניסן און פון דעם יום טוב איז די עבודה פון התחדשות, אַז דער מענטש זאָל זיך אינגאַנצן איבערבויען פונדאָסניי.

מ'זעט דאָס אפילו אין דער גשמיות'דיגער בריאה אַז אַלעס הייבט אָן וואַקסן פון פריש; די ביימער געבן אַרויס נייע פּירות, די ערד הייבט אָן אַרויסגעבן נייע געוואוקסן, **דאָס זעלבע ווערט די נשמה פון אַ איד נתחדש אין דעם חודש**, כי האדם עץ השדה, ער איז זיכער נישט ווייניגער ווי דער עץ השדה וואָס ווערט באַנייט. און מ'דאַרף אַצינד האָבן אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא אַז דער מענטש זאָל טאַקע ווערן ריכטיג געבויעט אין זיין פנימיות.

## פסח דאַרף מען אַ שמירה ווייל מיר זענען ניי - געבוירן

ס׳איז טאַקע ידוע וואָס שטייט אין **זוהר הק׳** אַז די מצה איז אַ מאכל פון רפואה, און דער זוהר הק׳ פרעגט: אויב אַזוי זאָל מען אַגאַנץ יאָר נאָר מעגן עסן מצה און נישט קיין חמץ?! זאָגט דער זוהר הק׳ אַז אין די טעג פון פסח ווערט דער מענטש פונדאַסניי אויפגעבויעט, **דעריבער איז ער דעמאָלט זייער הייקל.**

פונקט אַזוי ווען אַ קליין קינד ווערט געבוירן דאַרף מען זייער אַכט געבן אויף אים, ווייל פון יעדע קלייניגקייט קען ער קראַנק ווערן, **דאָס זעלבע איז מיט יעדע אידישע נשמה אין חודש ניסן.** אין דעם יום טוב פסח ווערן מיר נאָכאַמאָל ווי ניי - געבוירן און דעריבער פאָדערט זיך אַסאַך מער זהירות. מ׳דאַרף זיין אָפּגעהיטן פון חמץ און מ׳דאַרף אויך זוכה זיין אַז די הייליגע מצוות פון דעם חודש זאָל באמת נקלט ווערן אין דער נשמה, אַז ס׳זאָל אונז געבן די כוחות הקדושה אויפ׳ן גאַנצן יאָר.

## צדקה מאַכט אַז די קדושה זאָל נקלט ווערן

דאָס איז בעצם די הסבר אויף די הבטחה פון דעם **אר״י הק׳** אַז איינער וואָס איז נזהר פון אַ משהו חמץ איז ׳מובטח לו שלא יחטא כל השנה׳. צדיקים האָבן דאָס אָפּגעלערנט אויף אַסאַך אופנים, אָבער די נקודת הדברים איז דאָס זעלבע, אַז **אין די טעג פון חודש ניסן איז דער מענטש אַסאַך מער הייקל.** ער ווערט נאָכאַמאָל געבוירן און מ׳דאַרף דעריבער האָבן אַסאַך מער זהירות.

ווען מ׳שטייט אין אַזאַ גרויסער זמן, דאַרף מען זוכה זיין אַז די אַלע קדושות זאָלן באמת נקלט ווערן ביים מענטש, **ס׳זאָל אים איבערנעמען אַזוי שטאַרק אַז ער זאָל אַרויסגיין פון דעם יום טוב אַ נייע מענטש!** און דעריבער פאָדערט זיך, אַצינד מער ווי אַלעמאָל, אַז דער מענטש זאָל **עוסק זיין אין דער מצוה פון צדקה אַלס די ריכטיגע הכנה צום יום טוב.**

דאָס זאָגט דער רמ״א דאָ אין אָנהויב הלכות פסח, און צדיקים האָבן געמאַכט דערפון אַ גרויסן עסק אַז דער מח זאָל זיין אַריינגעטון אין צדקה. נישט בלויז זאָל דער מענטש טון עפּעס אַ קליינע פעולה פון געבן צדקה, נאָר **זיין קאָפּ זאָל זיין פאַרנומען מיט דער צדקה,** דעמאָלט וועט דאָס האָבן אַ גרויסע רושם אויף זיין נשמה, און אַ נשמה וואָס קומט אָן מיט אָט די רישומא קדישא פון צדקה, און ס׳לייגט זיך אַריין אין די מצוות פונעם יום טוב, **אָה יעצט קען גוט אַרבעטן די זהירות פון חמץ, יעצט קען גוט אַריינגיין די קדושה פון דער מצה,** ווייל די נשמה האָט געמאַכט די ריכטיגע הכנה מיט פעולות פון צדקה וחסד.

ב

# קרבה אל נפשי גאלה; צדקה לייזט אונז אויס פון דעם פריוואַטן גלות היצר

## צדקה איז מקרב די גאולה הפרטית

כדי צו פאַרשטיין ריכטיג די סוגיא לאָמיר לערנען אַ שטיקל אין ספה״ק **מאור עינים** (ליקוטים מסכת שבת קנא, ב) וזל״ק:

**נודע שהצדקה מעליהו ומסלקיהו מחיצוניות וקליפיות ומבטלת דינין** - די מצוה פון צדקה האָט אַ כח אַז ס׳קען אַרויסשלעפּן אַ מענטש און אים מסלק זיין פון אַלע ענינים פון חיצוניות, ס׳איז מבטל די קליפות און די דינים. **ואם מעלים עינו הרי נשאר בחיצוניות שהוא בחינת אל זר** - אויב דער מענטש איז ח״ו מעלים עין און ער איז נישט עוסק אין צדקה, בלייבט ער חיצוניות׳דיג און ער האָט אַ שייכות מיט די בחינות וואָס זענען אינדרויסן פון קדושה.

זאָגט דער מאור עינים: **ועל כן אמרו** (ב״ב י, א) **גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, שהוא גם כן גאולה פרטית, שהיא גאולת נפשו, כמו שנאמר** (תהלים סט, יט) **קרבה אל נפשי גאלה, מן היצר הרע** - דאָס וואָס חז״ל זאָגן אַז צדקה איז מקרב די גאולה, גייט נישט בלויז אַרויף אויף די גאולה הכללית פון אַלע אידן, נאָר עס מיינט אויך די גאולת הנפש פון דעם יצר הרע. יעדעס מאָל ווען אַ מענטש ווערט ניצול פון זיינע פראָבלעמען הייסט דאָס אַ גאולה.

ווען אַ איד מוטשעט זיך מיט זיינע שלעכטע הרגלים, אָדער מיט אַ טמטום הלב וואָס לאָזט אים נישט דינען דעם רבוש״ע, **איז דאָס בעצם אַ גלות.** ער ווייסט נישט וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט׳ן יצר הרע, ער געפינט זיך אין מצרים און ער קען נישט אַרויסגיין. ער האָט שוין פּרובירט איין וועג און אַן אַנדערע וועג, **וויאַזוי שלעפּט מען זיך אַרויס פון דעם פלאָנטער?! דורך צדקה!** די מצוה פון צדקה האָט אַ ספּעציעלע כח צו אויסלייזן דעם מענטש פון זיין פריוואַטע גלות.

## דער הייליגער יחוד וואָס פאַסירט דורך געבן צדקה

דער מאור עינים איז ווייטער מסביר פאַרוואָס צדקה ברענגט אַ גאולת הנפש: ווייל ווען אַ מענטש גיט צדקה געשעט אַ געוואַלדיגע יחוד פון דעם שם הוי׳. דאָס געלט איז אַזוי ווי דער ׳יוד׳ פון דעם שם הוי׳, און ווען ער גיט דאָס מיט די פינף פינגערס פון זיין האַנט איז דאָס מרמז אויף די ערשטע ׳הא׳, ווען ער שטרעקט אויס די האַנט איז דאָס די בחינה פון ׳ואו׳ און ווען ער לייגט עס אַריין אין די האַנט פון דעם אָרימאַן איז דאָס די צווייטע ׳הא׳.

און דער מאור עינים פירט אויס: **ועל ידי זה נתייחד שמו המיוחד ומתבטלין כל הדינין והחיצוניות.** ווען אַ איד גיט צדקה **ברענגט ער אַראָפּ דעם שם הוי׳ אויף דער וועלט כפשוטו!** ער כאַפּט אָן די שפע וואָס קומט אַראָפּ פון אויבן.

## די חיצונים פאַרלייגן זיך אויף יעדע הייליגע זאַך

דערפאַר איז טאַקע געלט אַזוי מסוכן און מ׳קען פאַלן דורכדעם, ווייל **בעצם ליגט אין געלט די שפע פון דעם רבוש״ע,** און אַזוי ווי ביי יעדע הייליגע זאַך ווילן די חיצונים דאָס צוכאַפּן.

בדרך אגב, אין ספה״ק **בית אהרן** (פרשת חיי שרה) ווערט געברענגט פון **זוהר הק׳** אַ טעם פאַרוואָס

### אותיות מחכימות

ספה״ק מאור עינים ליקוטים שבת דף קנ״א ע״ב

דנודע גודל מעלת הצדקה לשם שמים, כי כשהוא מתעורר על אותו המקבל במדת רחמנות מעורר כך למעלה, כי באתערותא דלתתא איתער לעילא, אך תחלת התעוררות הרחמנות שנותנין בלבו שירחם הוא על אותו המקבל, מי הוא המעוררו, ידע באמונה גמורה שזה שלוח אליו מלמעלה בלבו התעוררות הרחמנות בכדי שירחם על בני אדם כדי שירחמו עליו אח״כ שיתעורר כך למעלה ע״י אתערותא דלתתא, ובא וראה גודל הטובה שעושה הבורא ב״ה עם בן אדם שנותן לו התעוררות הרחמנות בכדי שירחם עליו ע״י כך, אף שההתעוררות אינו מצידו רק ע״י שהוא מוציא התעוררות ההוא מכח אל הפועל ומרחם ע״ז על ב״א... ועל ידי שהוא מקיים מתנת הבורא שנתן לו התעוררות ועושה כך, לכך מרחמים עליו...

וגם נודע שהצדקה מעליהו ומסלקיהו מחיצוניות וקליפיות ומבטלת דינין, ואם מעלים עינו הרי נשאר בחיצוניות שהוא בחינת אל זר. ועל כן אמרו (ב״ב י, א) גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה, שהוא גם כן גאולה פרטית, שהיא גאולת נפשו, כמו שנאמר (תהלים סט, יט) קרבה אל נפשי גאלה, מן היצר הרע.

כי הצדקה הוא יחוד גמור כנודע, כי הפרוטה והמעות שנותן הוא בסוד יו״ד מן השם, וכשנותן בידו שהוא ה׳ אצבעות הוא בסוד ה׳ ראשונה, והמשכת ידו שממשיך ליתן לעני הוא בסוד המשכת הוא״ו, וכשנותן ליד העני הוא יחוד ה׳ אחרונה לג׳ אותיות, ועל ידי זה נתייחד שמו המיוחד ומתבטלין כל הדינין והחיצוניות. ואח״כ משפיען לו ממון כפלי כפליים על ידי שנתעורר הרחמנות.

ביי שחרית זאָגט מען קטורת אַ צווייטע מאָל נאָכ'ן דאַווענען. לכאורה האָט מען דאָך שוין געזאָגט קטורת ביי די קרבנות פאַר'ן דאַווענען, כדי צו דערמאַנען דעם קטורת של שחרית, און שפּעטער ביי מנחה זאָגט מען נאָכאַמאָל קטורת, כדי צו דערמאַנען דעם קטורת של בין הערביים, אָבער פאַרוואָס זאָגט מען נאָכאַמאָל 'פּטום הקטורת' ביי 'קוה' נאָך שמונה עשרה?!

זאָגט דער זוהר הקי' אַז נאָכדעם וואָס מ'האָט ממשיך געווען שפע צו דער וועלט מיט אונזער שמונה עשרה, ווילן דאָס די חיצונים צוכאַפּן, **דערפאַר דאַרף מען האָבן דעם ספּעציעלן כח פון קטורת**, וואָס דאָס בינדט צו די שפע, אַז די חיצונים זאָלן נישט קענען אָנקומען דערצו.

על כל פּנים, 'געלט' איז אויך אַ שפע פון דעם רבוש"ע, און ווען אַ מענטש נעמט דאָס געלט און גיט עס איבער פאַר אַ מקבל, **האָט ער יעצט געמאַכט אַ יחוד פון דעם שם הוי' אויף דער וועלט.** דאָס ברענגט רוחניות אויף דער וועלט, און דאָס ברענגט אַז דער יצר הרע זאל נתבטל ווערן.

## אַלע אופנים פון צדקה זענען מבטל דעם יצר הרע

די **ספרים הק'** רעדן אַרום אַז די פעולה פון געבן צדקה איז **אַ פעולה וואָס איז מבטל דעם כח היצר פון דעם מענטש** וואָס האָט געגעבן דאָס געלט. דאָס מיינט אַז אויב אַ איד זוכט עצות וויאַזוי צו מבטל זיין דעם יצר הרע וואָס דרייט זיך ביי אים, ער פּרובירט צו דאַווענען דערויף, ער פּרובירט צו לערנען און מקיים זיין דעם 'משכהו לבית המדרש', **זאָל ער וויסן אַז צדקה האָט אַ געוואַלדיגן כח** צו מבטל זיין דעם שווערן יצר הרע.

ס'איז דאָ אַסאַך אופנים וויאַזוי מ'קען מקיים זיין מצות צדקה. ס'איז דאָ צדקה דורך אַליין געבן געלט, ס'איז דאָ צדקה דורך מאַכן אַז אַנדערע זאלן געבן, און ס'איז דאָ צדקה דורך געבן יענעם אַ גוט וואָרט און מחזק זיין אַ צווייטן איד. **אויב האָסטו יעצט געטיילט שפע, זאָלסטו וויסן אַז דו האסט מבטל געווען חיצונים פון דיר.** דאָס גייט דיר מורא'דיג העלפן קעגן דעם יצר הרע און ס'גייט דיך געבן אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא פאר עבודת ה'!

ג

# לחירות עולם; יעדע פעולה פון צדקה העלפט אַרויסגיין פון מצרים

## געפאַנגען אין דער תפיסה פונעם יצר הרע

דער הייליגער **טריסקער מגיד**, אַן אייניקל פונעם מאור עינים, ברענגט אין ספה"ק **מגן אברהם** (הפטרה פרשת דברים) דעם פסוק: 'ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה' וואָס חז"ל לערנען דערפון אַרויס אַז דורך צדקה וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און דער טריסקער מגיד זאָגט פשט אַז **'שביה' מיינט אַזעלכע מענטשן וואָס זענען געפאַנגען אין די תפיסה פון די 'מצודות היצר'**, זיי זענען שקוע און קענען נישט אַרויסגיין פון די תאוות און מדות רעות.

ס'איז נעבעך דאָ אידן וואָס שפירן אַז "הלואי וואָלט איך נישט דורכגעפאַלן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל". ער איז אַזוי צעבראָכן אינערליך מיט אַזאַ עצבות, ווייל ער טרעפט נישט דעם וועג אַרויס. **ער וויל נישט זינדיגן אָבער ער ווייסט נישט פאַרוואָס ס'איז געשען נאָכאַמאָל.** ער שפּירט עפּעס אַ טיפע שטריק וואָס בינדט אים צו אַז ער זאָל נאָכאַמאָל נכשל ווערן. וויפיל ער האָט שוין געוויינט און געדאַוונט דערויף, פאַלט ער אַלעמאָל צוריק. ער איז ממש פאַרשפּארט אין אַ בית האסורים.

## צדקה איז די עצה אַרויסצוגיין פון תפיסה

די זעלבע זאַך איז דאָ ביי מדות רעות. אַמאָל איז דאָס כעס, אַמאָל איז דאָס אומפאַרגינערישקייט, און דער מענטש איז ממש געפאַנגען אין זיין מדה. פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט? **איך ווייס נישט! איך וואָלט אויך נישט געוואָלט!** ס'וואָלט געווען אַזוי געשמאַק ווען איך האָב ווען גוטע מדות, אָבער מדות איז נישט קיין לייכטע פּרשה...

זאָגט דער טריסקער מגיד אַז **די עצה דערצו איז צדקה!** ער טייטשט דערמיט דעם פסוק (משלי י, ב): 'צדקה תציל ממות', אַז אפילו אַ מענטש וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די 'שערי מות', ער ליגט אין אַזאַ פּלאַץ וואָס ווערט אָנגערופן 'רשעים בחייהם נקראים מתים', **איז אָבער די מצוה פון צדקה מגין אויף אים, און עס ראַטעוועט אים 'ממות לחיים'** אַז ער זאָל זוכה זיין צו קענען ווערן דבוק אין השי"ת. ער ווערט אויסגעלייזט!

## פּסח באַקומען מיר די מתנה פון 'חירות'

אַז מען איז זיך מתבונן, ווען מיר גרייטן זיך אויף יום טוב, זוכן מיר דאָך דאָס בעצם צו טון - **מיר ווילן אַרויסגיין פון מצרים!** גלות מצרים איז טייטש אַז דער מענטש איז געפאַנגען אין אַ 'בית האסורים' און ער קען נישט אַרויסגיין. ער דרייט זיך אַגאַנצן צייט אין דעם זעלבן תפיסה, אַמאָל אויף די רעכטע זייט און אַמאָל אויף די לינקע זייט, אָבער סוף כל סוף איז ער געבליבן צווישן די ווענט פון זיין פינסטערן מצב, ער קען נישט דורכברעכן די מחיצה.

אָבער ווען ס'קומט יום טוב, ברענגט דאָס אַריין אַ געוואַלדיגע ליכטיגקייט. די ליכטיגקייט האָט אַ נאָמען: **עס ווערט אָנגערופן 'חירות'!** ווען מ'באַקומט אָט די מתנה העלפט דער רבוש"ע אַז מ'קען זיך אַרויסדרייען פון תפיסה. און אויב אַ מענטש וועט קוקן אויף צוריק, וועט ער באַמערקן אַסאַך פּלעצער בנפש וואו ער איז געווען געפאַנגען און דער רבוש"ע האָט אים געהאָלפן אַז ער האָט מצליח געווען זיך צו באַפרייען דערפון. **אָבער אַצינד האָט ער דאָך פאַרשידענע אַנדערע פּראָבלעמען**, וואָס ער האָט נאָכנישט זוכה געווען אַז דער אויבערשטער זאָל אים עפענען די שטריק וואָס בינדט אים ממש צו, און מיר קוקן אַרויס אַז דער יום טוב זאָל אונז ברענגען דעם געוואונטשענעם חירות.

## דורך צדקה קען מען קולט זיין דעם חירות

אָבער כדי אַז דער מענטש זאל זוכה זיין צו אמת'ע חירות, דאַרף זיין האַרץ קולט זיין די ליכטיגקייט. **מ'דאַרף האָבן די כלים דערצו.** זאָגט דער הייליגער טריסקער מגיד: **זאָלסט וויסן אַז צדקה האָט דעם ספּעציעלן כח צו ברענגען חירות**, און אַרויסצונעמען דעם מענטש פון בית האסורים.

און די סיבה דערצו איז זייער פּשוט: וואָס זענען די מחיצות וואָס לאָזט דיך נישט אַרויסגיין פון דיין מצב?! **די מחיצות זענען די קליפות פון דעם יצר הרע וואָס שטערט אונז פון עבודת ה'.** אָבער אַ איד קען מבטל זיין די קליפות! **די וועג וויאַזוי ס'ווערט בטל איז ווען ס'ווערט אַ יחוד פון דעם שם הוי' דורך צדקה**, דאָס האָט אַ מורא'דיגן כח אים אַרויסצונעמען לחירות.

## צדקה פאר אַנדערע אידן איז דאָס בעסטע השתדלות קעגן דעם יצר

צומאָל פרעגט אַ מענטש: **וועלכע נאָך השתדלות קען איך טון קעגן מיין יצר הרע?!** איך האָב שוין געדאַווענט, איך האָב שוין

> **אותיות מחכימות** — ספה"ק מגן אברהם דברים ד"ה ציון
>
> ושביה בצדקה. שביה הם אותם שהמה נלכדים בשביה זו במצודת היצר ושקועים בתאוות ובמדות רעות, העצה להם שיוכלו לצאת מן השביה, היא בצדקה, שיקיימו מצות צדקה. וזהו 'צדקה תציל ממות', היינו אפילו מי שמגיע עד שערי מות, שיכול ליפול לבחינת בחייהם נקראים מתים רח"ל, מצות צדקה מגינה עליו ומצלת אותו ממות לחיים שיזכה לשוב להתדבק בחיות אלקותו יתברך.

פּרובירט, וואָס נאָך קען איך טון?! זאָל ער וויסן אַז **ווען מען גיט צדקה פאַר אידישע קינדער, מאַכט מען דורכדעם אַ הייליגער יחוד וואָס איז מבטל די קליפּות.** איבערהויפּט אויב מ'גיט צדקה און מ'העלפט אַרויס אפילו אַזאַ איינעם וועמען מ'קען ניטאַמאָל, מאַכט מען דערמיט אַ געוואַלדיגע השתדלות צו אַרויסגיין פון די מצודות היצר.

הרה"ק **מסקווירא** זי"ע האָט אַסאַך עוסק געווען צו שאַפן געלט פאר צדקה פון זיינע חסידים, און אַ גרויסער טייל פון דאָס געלט וואָס ער האָט צאַמגעקליבן פלעגט ער אַוועקגעגעבן פאר די צדקה קאַסע פון הרב **הענקין** זצ"ל. ער האָט בכלל נישט געדאַרפט אַז דאָס געלט זאָל גיין פאר עניים וואָס ער האָט געקענט. ער האָט געוואוסט אַז ס'איז דאָ אַן ערליכער רב וואָס גיט זיך אָפּ מיט עניים, האָט ער אַוועקגעגעבן אַ ריזיגן סכום באופן קבוע פאר דער קאַסע. ווייל **דער עיקר זאַך פון צדקה איז, אַז דאָס געלט זאָל קומען פון איין איד און גיין צו אַ צווייטן.** אַזוי מאַכט מען יחודים!

אָבער אויב ס'איז חלילה פאַרקערט, מען איז נישט מחובר מיט אַנדערע אידן, דעמאָלט כאַפּט זיך אַריין קליפּות. מ'קען דאָס זען ביי די באַקטעריעס אַז ווען ס'איז דאָ אן אבר וואָס באַקומט נישט קיין חיות פון אַנדערע אברים דעמאָלט קען זיך חלילה דאָרט שטאַרקן די אינפעקציע, אָבער **אויב דאָס בלוט פון אַלע אברים אַרבעטן צוזאַמען דעמאָלט איז דאָס אַ שמירה אַז ס'זאָל נישט צוקומען קיין פרעמדע באַקטעריעס.** ווען ס'איז נישט דאָ קיין פּירוד צווישן אידן, דעמאָלט איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר די אַנדערע כוחות הטומאה, און אַזוי קען מען זוכה זיין צו דעם ריכטיגן 'חירות' פון דעם יום טוב הבא לקראתינו לשלום.

# נקודה למחשבה

## די 'קרבת אלקים' פון דער שווערער אַרבעט בעפאָר פסח

ס'איז דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַז די הכנות אויף פסח האָט נישט צוטון מיט 'קרבת אלקים'. די הכנות אויף פסח האָט צוטון מיט אַנדערע זאַכן, ווי שוויצן, רייבן, זיך קריגן מיט די קינדער וואָס גייען אַריין און אַרויס מיט די חמץ... 'קרבת אלקים' וועל איך אפשר מרגיש זיין אינמיטן דעם סדר...

**דאָס איז אָבער אַ טעות מוחלט!** דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז מ'זאָל רייניגן און מ'זאָל נישט קענען זען וויאַזוי ס'גייט זיך אויסאַרבעטן, ווייל ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן טון זאַכן מיט אַ לחץ נישט וואוסנדיג וואָס די תוצאות גייען זיין, מיט אַ ביטול פאַר'ן רבוש"ע.

ווען מען האָט ענדליך ריין געמאַכט אַ שטוב פון חמץ און אינמיטן קומט אַ קינד און מאַכט נאָכאַמאָל חמץ'דיג דאָס פלאַץ. און מ'ווערט נישט אין כעס, ס'איז גאָרנישט געשען, נאר מען רייניגט נאָכאַמאָל אויף, **וויפיל קרבת אלקים ליגט דערינען! וויפיל עבודת המדות דאַרף מען דאָ האָבן!**

## אונזער בעה"ב איז נישט ברוגז ווען דאָס קינד האָט אויסגעגאָסן חמץ

אַז מען טראַכט אַריין וועט מען זען אַז די חילוק צווישן אַ 'בעל הבית' פון אַ פירמע און דער אַרבעטער פון די פירמע, איז אַז **דער בעה"ב זוכט אַגאַנצע צייט צו זען די תוצאות.** ער וויל פאַרדינען און מצליח זיין. ווידעראום דער אַרבעטער, אפילו אויב ער איז אַן ערליכער אַרבעטער, קלאַפּט אַריין די קאַרטל... ער גייט אַריין אין צייט און ער פרעגט: וואָס וויל מען פון מיר יעצט?! **ער קוקט נישט אַגאַנצן צייט צי ס'ווערט עפּעס תוצאות פון זיין אַרבעט.** ס'איז אים גוט ווען ער ווייסט אַז ער האָט געטון די אַרבעט וואָס מ'האָט אים געבעטן.

ווען מיר זענען מקיים די מצוה פון רייניגן פאר פסח, לאָמיר געדענקן אַז מיר זענען אַרבעטער! דער רבוש"ע דאַרף פון אונז בלויז די אַרבעט. **ס'האָט זיך עפּעס אויסגעגאָסן?! מאַך עס איבער נאָכאַמאָל. אונזער בעל הבית, דער רבוש"ע, האָט הנאה ווען דו מאַכסט עס נאָכאַמאָל.** ער איז נישט ברוגז אויב דאָס קינד האָט עס אויסגעגאָסן. ער נעמט אַלעס אין חשבון! דו ביזט בסך הכל זיין אַרבעטער, טוסט דאָך עס פאַר אים! אויב עס שטערט אים נישט, פאַרוואָס שטערט עס פאַר דיך?! **האסט געמיינט אַז דאַרפסט צושטעלן תוצאות?! ניין, דו דאַרפסט נישט!** דער בעה"ב לאָזט דיך בלייבן מיט'ן גאַנצן רואיגקייט!

דאָס דאַרף זיין דער בליק פון אַ איד. ער קען מקיים זיין די שליחות פון השי"ת מיט אַ רואיגקייט און אַזוי וועט אים טאַקע דער רבוש"ע געבן אַ סייעתא דשמיא, ס'וועט זיין 'הבא לטהר מסייעין אותו'.

## די תוצאות ליגט סייווי ביי השי"ת, לאָמיר זיין רואיג

אויך ווען ס'קומט די געלט דאגות קען מען לעבן מיט אַזאַ סאָרט אופן, ווען מען ווייסט מיט אַ רואיגקייט אַז דער רבוש"ע וועט שיקן אויף די צרכי הפסח, אַז ס'זאָל זיין וויפיל מ'דאַרף האָבן! דאָס זעלבע ווען ס'קומט צו באַקן די מצות, אַ איד דארף טון אַלעס וואָס מ'דאַרף, אָבער דאָס זאָל זיין באַגלייט מיט די רואיגקייט אַז "איך דאַרף נישט ברענגען די תוצאות"!

פונקט ווי מיר ווייסן אַז אודאי דאַרף מען טון וויפיל מ'קען פאַר'ן חינוך פון אונזערע קינדער, אָבער דער מענטש האָט נישט קיין שליטה און ס'איז נישט בידו וועלכער בחור זאָל זיך חבר'ן מיט זיין זון. דער טאַטע ווייסט בלויז אַז ער קען דאַווענען, אָבער דו קענסט נישט ברענגען פאר דיין זון דעם פיינעם בחור וואָס זאָל אים אַריינברענגען יראת שמים, דו קענסט אים נישט ברענגען דעם גוט וואָרט, דעם מאמר חז"ל, וואָס זאָל אים טוישן און מאַכן פאַר אַן ערליכער איד. קענסט עס סייווי נישט מאַכן, מיר קענען בלויז מחנך זיין לויט אונזער מעגליכקייט און מתפלל זיין, און דאָס איבריגע וועט דער רבוש"ע אויספירן.

דאָס זעלבע איז שייך ביי די אַלע ענינים פון הכנה אויף פסח. מיר דאַרפן דאָס טון געדענקנדיג אַז **דער רבוש"ע וועט אונז געבן די סייעתא דשמיא צו אַריינברענגען דעם פסח בשלימות.**

זאל טאַקע דער אויבערשטער העלפן אַז מ'זאָל זוכה זיין צו פראַוועון סיי די הכנה צום פסח און סיי דער יום טוב פסח אַליין, בדיצה, בחדוה ובשמחה!


פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידנו
מו"ה הערשיל לסין שליט"א
לרגל שמחת נישואי הבן בשעטו"מ
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא
ויזכו לבנות בית נאמן בישראל ע"ד התורה והחסידות וימלא ה' משאלות ליבם לטובה

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראוואו
ביהמ"ד ויואל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב